# דיכטונג, לעבן און איבערלעבונג

דאָס שלעכטס אויף דער וועלט האָט קורצן שכל און לאַנגע הענט.

אַלץ וויל עס אַריינכאַפּן. אַפילו דעם וואַרעמן ווינט און די זון, דעם פרישן בליאַסק אין אויג פונעם טאָג, די געזאַנג־בשורות אין מויל פון פויגל.

דער פרילינג.

מ'האָט אים שוין לאַנג אַרויסגעגנבעט פון די פּאָעטישע חלומות־מאַגאַזינען. אַנדערע באַלעבאָטים האָט ער היינט. ווי מיט אַ שטעקן פּאַכען זיי מיט אים. די ערשטע שיינע טעג און ווייכע נעכט דראָען מיט פּאַרוויסטונג און שׂרפות און קאַליוזשעס בלוט אויף פעלדער.

דער פרילינג.

און דאָך: צופיל גאָלד פאַרמאָגט ער, אַז מען זאָל אים קאָנען מאַכן פּאַר אַן אָרימאַן...

דער הימל לאַכט זיין ווייסן געלעכטער און מענטשן לאַכן מיט. וואָס לאַכן זיי?

צי ווייסט אַ קינד פאַרוואָס עס איז מלא חן? צי ווייסט אַ לאַנקע פאַרוואָס עס ווערט גרין? קעגן איר ווילן ווערט די וועלט פול מיט לוסט.

מענטשן באַגרייפן אַליין נישט די סיבה פון זייער פרייד. זיי וואונדערן זיך און זיינען צופרידן, וואָס זיי קאָנען זיך וואונדערן, הלמאי פופצן גראַד פראָסט קריכט אַריין פעסט אין די ביינער, און אָט איז היינט זעכצן גראַד וואַרימקייט און — גאָרנישט?

וואָס די שמחה איז — ווייסט מען נישט. אַז קיין זומער־מלבושים האָט מען נאָך נישט. און די ווינטערדיקע זיינען אויף ווינטער גע־וועזן צו פלעגמאַטיש און אויף היינט זיינען זיי צו היציק...

אָבער ס'איז גוט, וואָס די זון כאַפּט דיך אָן ביי די האָר, גלעט דיך איבער דער באַק און זעצט זיך אויף דיין נאָז. ס'איז גוט, וואָס אָן וואַזשנע און קלוגע הקדמות, אָן קאָמפּליצירטע צופירן און אויספירן איז די לופט אַזוי מילד, אַזוי ווייך און — דיר איז וואַרעם.

און סוף כל סוף היבט זיך דאָך אַלץ אָן פון דיר אַליין, פון דיר, דעם מענטש...

און האַלטן מיר ביי דעם „דיר אַליין", פאַלן מיר דאָ אַריין אינמיטן אַ שמועס פון צוויי פּערזאָן:

אין אַ געדיכט פאַרביימערטער אַלעע זיצן זיי, די שווערע צייטן קענען זיי. די ערשטע וואַרימע פרילינג־טעג זעען זיי און „גימל" און „דלת" הייסן זיי.

• • •

גימל: ווילסטו, הייסט עס, אויפשטעלן אַ כלל, אַז דיכטן מיינט: אָנהייבן פון זיך אַליין.

דלת: יאָ.

גימל: אויב איך פאַרשטיי ריכטיק, ווילסטו דערמיט, אַז פאַלש איז דאָס וואָרט: „דיכטן פון לעבן", אמת איז: דיכטן פון איבערלעבן.

דלת: אמת. אַ ליטעראַטור זאָל זיין נישט געוועהרטערט און נישט געאָותיותט — נאָר געזונגען, מוז פריער דאָס איבערלעבן זיין דער (פאַרצווייפלטער אָדער טריאומפירנדיקער) געזאַנג פון לעבן.

גימל: ווי אַזוי זשע מיינסטו: „אָנהייבן פון זיך אַליין?"

דלת: גרויס איז די וועלט און ווייט איז זי. ווילסטו פאַר־נעמען זיך אויף דעם וועג צו דער גרויסער און ווייטער, וואָס טוסטו ערשטנס? דו עפנסט די טיר. אַלזאָ, דער ערשטער טריט איז ביי דיין אייגענער שוועל.

ג י מ ל: אַזאַ מורנו אין די אייגענע טיר? אַזוי פּאַראַדנע איז דער אַרויסגאַנג פון איר? און טאָמער ליגט ביי דיין טיר אַ בערגעלע מיסט?

ד ל ת: נישט טאָמער, ברודער, נאָר געוויס.

ג י מ ל: ס'הייסט?...

ד ל ת: עס הייסט, אַז ביי מיין טיר, ביי דיין טיר, ביי מיליאָנען אַנדערע, ביי אַלע טירן פון דער וועלט ליגן זיי, די בערג און בערגלעך מיט אומריינקייטן.

ג י מ ל: איז דאָך אדרבה...

ד ל ת: עס איז נאָך מער ווי אדרבה. ווייל וואָס איינער איז ריינער, אַלץ מער זעט ער די טומאה אויף זיין שוועל. וואָס איינער איז שענער, אַלץ מער געפינט ער, וויפיל אומשיינקייטן עס ליגן אין זיין ווינקל.

ג י מ ל: אַט, אַט, אַט...

ד ל ת: וואַרט אַ ווייל. אויב דיר איז ווייניק, וועל איך דיר צו־געבן נאָך. די הייליקע שריפט האָט עס אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש און קורץ: „ביי דער טיר ליגט די זינד".

ג י מ ל: נו, נו.

ד ל ת: אָבער וואו זינד, דאָרט איז שטראָף, דאָרט איז געווין. ביי דער אייגענער טיר ליגט די זינד און דער טרויער פון זינד. און דאָרט ליגט די פאַרגעבונג און דער געזאַנג פון פאַרגעבונג.

ג י מ ל: יאָ, כ'ווייס דאָך, אַז דו האָלטסט זיך פאַרעקשנט ביי דער מיינונג, אַז דער עיקר אין דער פּאָעזיע איז די איבערלעבונג. כ'געדענק, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט: דאָס לעבן אַליין האָט נישט קיין טעם, די איבערלעבונג איז דאָס זאַלץ פונעם לעבן.

ד ל ת: ווירקלעך.

ג י מ ל: גוט. אייגענע איבערלעבונג איז — זאַלץ? טאַ זאָג מיר, כ'בעט דיך, צי האַלטסטו נישט, אַז אין ציטן ווי אונדזערע, אין טעג פון גרויסע געשעענישן, צי מיינסטו נישט, אַז דאָס אייגענע „ביסל

זאַלץ״ ווערט צעגאַנגען און אויפגעלייזט אין די פינצטערע שרייענדיקע וואַסערן פון שטורמישע פאַסירונגען?

ד ל ת: ניין, איך האַלט נישט אַזוי. ווער עס לעבט נישט איבער די גרויסע צייטן, פאַר דעם זיינען די גרעסטע וועלט־טראַגעדיעס נישט מער ווי אַ ליליפּוטן־ספּעקטאַקל. מעג ער שרייבן נישט מיט אַ פּען, נאָר מיט אַ סאַסנע־בוים; מעג ער ריידן די עוג־מלך־הבשנדיקע ווערטער, בין איך נישט מחויב אים צו גלויבן. אין אַלע גרויסע צייטן זיינען דאָ גענוג קליינע מענטשן. טאָ פונוואַנען ווייס איך, אַז ער געהערט נישט צו זיי, טראָצדעם וואָס ער באַנוצט זיך מיט שטאָל און מיט פייער, מיט בלוט און מיט אייזן און מיט אַלע ריזיקע רי־זיקייטן?

און ווער עס האָט אַזעלכע צייטן יאָ איבערגעלעבט, ביי יענעם איז אוממעגלעך, אַז זיין „ביסל אייגנס״ זאָל ווערן צעגאַנגען און אויפ־געלייזט אין די צעבושעוועטע וואַסערן פון זיין צייט. מחמת די אַלע יאָמערן, געפאַרן און קאַטאַסטראָפעס לויפן אַרום ביי אים אין בלוט. די שווערע געשעענישן אַלע זיינען דער געזאַלצענער ים, וואָס גע־הערט צו אים, דער מענטש, — עס איז זיין „ביסל זאַלץ״, זיין איבערלעבונג, וואָס גייט נישט אונטער, ווערט נישט פאַרשלונגען דורך אַנדערע. פאַרשטייסט?

ג י מ ל: נאָך נישט אין גאַנצן.

ד ל ת: איך וועל דאָס מאַכן קלאָרער. די טעג פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע זיינען געווען גרויס? יאָ, אמת? נעמען מיר אַ טייל לידער פון יענער צייט. די „מאַרסעליעזע״, למשל, האָט איינצלנע סטראָפן, וואָס פאַר זיי קאָנען מיר נישט האָבן קיין פאַר־שטענדעניש, אָבער עס איז זייער גרינג זיך פאַרצושטעלן, אַז אין יענער צייט האָט דאָסדאָזיקע ליד געצונדן, געבריט און געבראָטן. ווייל זיין דיכטער איז באמת געווען דער גרויסער לייד־גדיקער פון אַ גרויסער עפּאָכע.

עס איז אָבער געבליבן אַ גאַנצע ריי אין יענער צייט געשריבענע

לידער, ווען וועלכע מיר קאָנען מיט דער פולסטער זיכערקייט זאָגן, אַז נישט נאָר פאַר אונדז, היינטיקע, נאָר שוין פאַר יענער צייט זיינען זיי געווען לעבלעך, אָרעם, גאָרנישט־זאָגנדיקע, כאָטש זיי ריידן, ריידן אַזוי פיל און בלויז וועגן די אַקטועלע גיהנומס און נצחונות.

מענטשן האָבן געזען אַזאַ גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע — און האָבן — גאָרנישט געזען. געשטאַנען זיינען מענטשן אינמיטן אַ העליש פייער — און געוואָרעמט וואָלטן זיי זיך זיכער, ווען זיי וואָלטן געשריבן וועגן זייער געליבטער, וועגן זייער וואַנטזייגער, וועגן זייער קינד. דאָ וואָלטן זיי זיך אפשר דערוואָרעמט, ווייל דאָס האָבן זיי איבערגעלעבט. די רעוואָלוציע האָבן זיי נישט איבערגעלעבט.